https://sharethetruths.org/

**סאָוועטישע מאַסן-דעפּאָרטאַציעס: דירעקטיוון פֿאַר דער רוסישער מאַכט**

*פֿון אַנאַ יאַצענקאָ, פֿאָרשערין פֿון געדענק-קולטור,*
*בירגער-גרופּע "נאָכן שטילשווייַגן"/ After Silence / Після тиші*
*ענגליש: נאַטאַליאַ וואָליאַנעץ*
*ייִדיש: יוסטוס פֿאַן דע קאַמפּ*

זינטן אָנהייב פֿון רוסלאַנדס גרויס-פֿאַרנעמיקער מלחמה קעגן אוקראַיִנע, זענען (ביזן 18טן מיַי) העכער 1,2 מיליאָן אוקראַיִנישע בירגער בגוואַלד, געצוווּנגענערהייט, דעפּאָרטירט געוואָרן קיין רוסלאַנד פֿון די ציַיטווײַליק באַזעצטע שטחים אין אוקראַיִנע. צווישן זיי איבער 200.000 קינדער. פֿאַלן ווי אונטערזוכונגען ביַי די אָפֿטע קאָנטראָל-באַריערן, געפֿאַנגענשאַפֿט אין "פֿילטריר-פּונקטן", פֿאַרהערענישן, בדיקה פֿון דאָקומענטן און קעשעפֿאָנען, זײַנען פֿון די באַליידיקנדיקע דערפֿאַרונגען פֿון די וואָס האָבן באַוויזן זיך אַרויס צו לאָזן פֿון רוסלאַנד, אַריַין אין זיכערע לענדער. איז, וואָס איז דער גורל פֿון די פֿאַרבליבענע? פֿון די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פּאַפּירן, געלט, באַקאַנטע זיי צו העלפֿן? זיי זײַנען פֿאַרשיקט געוואָרן אין פֿאַרוואָרפֿענע סמוטנע געגנטן פֿון רוסלאַנד. צו מאָל האָבן מענטשן אַפֿילו געקראָגן פֿאָסט-קאַרטעלעך מיט דער פֿאַרבעטונג זיך צו באַזעצן אינעם רוסישען וויַיטן מיזרח. יאָ, סוף אַפּריל זענען טאַקע העכער 300 מאַריופּאָלער תּושבֿים פֿאַרשלעפּט געוואָרן צום "פּרימאָרסקי קריַי" (די געגנט צפֿון פֿון וולאַדיוואָסטאָק, ביַים יאַפּאַנישן ים). קינדער זענען פֿאַרטיילט געוואָרן איבער קינדער-גערטנער און שולן, כאָטש אָרטיקע באַאַמטע באַקלאָגן זיך וואָס זיי האָבן "פּראָבלעמען מיט דער רוסישער שפּראַך".

די רוסישע מאַכט רופֿט  די זאַך: אַן עוואַקואַציע. נאָר ווי פֿריַיוויליק איז זי? וויַיניקסטנס עטלעכע מאַריופּאָלער תּושבֿים האָבן געערעדט פֿון נייטונג, צוואַנג. די אוקראַיִנישע מאַכט באַשטייט אויף אַן אַנדער וואָרט: "דעפּאָרטירונג", וואָס מיינט אַ פֿאַרברעך קעגן אינטערנאַציאָנאַלע רעכט. די דירעקטאָרן פֿון די אָקופּאַציע-געדענק-מוזייען אין עסטלאַנד, לעטלאַנד און דער ליטע פֿאַרגליַיכן רוסלאַנדס האַנדלען איצט צו די סאָוועטישע מאַסן-דעפּאָרטאַציעס, אין דער מיט 20סטן יאָרהונדערט. דער היסטאָריקער דעטלעוו בראַנדעס באַצייכנט דעפּאָרטאַציע ווי "געניייטע מיגראַציע אין אַ מלוכה אָדער אין איר מאַכט-שטח, אַריַינגערעכנט די דורך איר באַזעצטע געגנטן, צו וואָס זי צווינגט אייגענע אָדער פֿרעמדע בירגער". דאָס גרענעצט אָפּ דעפּאָרטאַציע פֿון גירוש, אַרויסשיקונג, וואָס מיינט: איבערשיקונג פֿון מענטשן מחוץ די גרענעצן פֿון דער מלוכה. אַקעגן זשע דעפּאָרטירונג קען האָבן אַנדערע צילן און טעמים. זי ווערט אָפֿט געניצט אויף צו נייטראַליזירן אמתע אָדער אויסגעטראַכטע קעגנערס פֿון אַן אויטאָקראַטישן רעזשים. דערהויפּט אין געגנטן ווו די השפּעה פֿונעם רעזשים איז ניט גענוג שטאַרק: ביַי דער גרענעץ, אין באַזעצטע אָדער אַנעקטירטע קאַנטן.

אינעם ראַטן-פֿאַרבאַנד זײַנען דעפּאָרטירונגען געוואָרן באַזונדערס פֿאַרשפּרייט צוליבן באַדאַרף צו אַנטוויקלען די שטחים מיט אַ האַרבן קלימאַט און אַן אויספֿעל, אַ מאַנגל אין אַרבעט־כּוחות. מיט געצוווּנגענעם איבערברענג האָט מען געפּרוּווט עלימינירן אָדער איבערדערציִען, אָנלערנען די וואָס די מאַכט האָט באַטראַכט ווי אומלאָיאַלע און נישט פֿאַרלאָזלעכע; אָדער ס'איז געווען אַ מין באַשטראָפֿונג. פֿאַרשטייט זיך אַז סאָוועטישע מאַסן-דעפּאָרטאַציעס און די רוסישע אַזוי-גערופֿענע "עוואַקואַציע", זענען ניט די זעלביקע דערשיַינונגען. אלא וואָדען, זייער אויספֿירונג האָט אַ גליַיכן

ציל: אַנטוויקלען סמוטנע, הינטערשטעליקע געגנטן אויפֿן חשבון פֿון אוקראַיִנישע בירגער, און אַסימילירן און אויפֿלייזן זיי אין דער רוסישער באַפֿעלקערונג. דאָס העלפֿט אונטער באַשטעטיקן דעם אימפּעריע-מיטאָס אַז ס'זענען ניט פֿאַראַן קיין אוקראַיִנער, בלויז "ערגערע רוסן". "ווי מע זעט אין די חורבֿות פֿון אוקראַיִנישע שטעט און אין דער רוסישער פּראַקטיק פֿון מאַסנמאָרד, פֿאַרגוואַלדיקונג און דעפּאָרטאַציע, איז די טענהע אַז אַ נאַציע עקזיסטירט ניט די רעטאָרישע צוגרייטונג זי מחריבֿ צו זײַן, זי צו פֿאַרטיליקן, מיינט דער היסטאָריקער טימאָטהי סנײַדער.

סאָוועטישע מאַסן-דעפּאָרטאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1918; זיי זײַנען אָנגעגאַנגען העכער 30 יאָר. זיי האָבן געטראָפֿן איבער 6 מיליאָן מענטשן פֿון פֿאַרשיידענערליי עטנישע, סאָציאַלע און רעלעגיעזע גרופּעס.

די ערשטע דעפּאָרטאַציעס פֿון אוקראַיִנע זענען פֿאָרגעקומען אין די 1930ער יאָרן. דעמלט האָט מען דעפּאָרטירט קיין קאַזאַכסטאַן רײַכע פֿערמערס, פּויערים ("קולאַקעס") און עטנישע פּאָליאַקן און דײַטשן פֿון די גרענעץ-שטחים: מע האָט זיי באַטראַכט ווי פּאָטענציעלע שפּיאָנען. מיטן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה האָבן די דעפּאָרטירונגען זיך פֿאַרשטאַרקט. 1941 האָט מען אַוועקגעשלעפּט דײַטשן פֿון דרום און מיזרח אוקראַיִנע ("וואָלגער דײַטשן") צוליבן חשד אַז זיי וועלן זײַן גינציק געשטימט צו און וואַרטן אויף דײַטשישע חיילות. אין 1944 זענען די קרים-טאָטערן, ווי אויך אַרמענער, בולגאַריער און גריכן פֿונעם קרים דעפּאָרטירט געוואָרן. מע האָט זיי קאָלעקטיוו געהאַלטן פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר קאָלאַבאָראַציע מיט די נאַציס.

דער רעזשים האָט דערהויפּט געקוקט אויף דער מערבֿ-אוקראַיִנע. צווישן 1940 און 1941 זענען בערך 200.000 עטנישע פּאָליאַקן, ייִדן און אוקראַיִנער פֿאַרשלעפּט געוואָרן קיין סיביר, מיטל-אַזיע און דעם רוסישן ווײַטן מיזרח. אַרום 1953 זענען נאָך 210.000 מענטשן געוווען אַ קרבן פֿון געניטער פֿאַרשלעפּונג. ס'רובֿ זענען דאָס געווען קרובֿים פֿון אוקראַיִנער נאַציאָנאַליסטישע אונטערערדלער וואָס זענען געזעסן אין "גולאַ"ג"-לאַגערן אָדער שוין געשטאָרבן. אויך זײַנען צווישן זיי געווען קרובֿים פֿון רײַכע פּויערים וואָס האָבן זיך געהאַט געשטעלט אַקעגן דער קאָלעקטיוויזירונג, ביבל-פֿאָרשער ("גאָטס עדות"), און געוועזענע זעלנערס פֿון דער אַנדערס אַרמיי. די באַפֿרײַונג האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָר נאָך סטאַלינס טויט און זי איז אָנגעגאַנגען ביז אין די מיט זעכציקער יאָרן אַרײַן. ס'איז אָבער בלויז אין אוקראַיִנע געווען מעגלעך צוריקצוגעבן אַלע בירגעררעכט און געבן מענטשן אַ מעגלעכקייט פֿרײַ צו רעדן וועגן זייערע אָפּקומענישן.

דער ענין דעפּאָרטאַציע, פּונקט ווי די אַנדערע פֿאַרברעכן פֿון דער סאָוועטן-תּקופֿה ווערט געררוקט אין אַ זײַט און פֿאַרשוויגן, אינעם הײַנטצײַטיקן רוסישן פּאָליטישן געדעכעניש. אין סעפּטעמבער 2021 האָט דער רוסישער שיצ-(דעפֿענסיע-)מיניסטער סערגיי שויגו אין זײַן אַרטיקל "וועגן די נײַע שטעט אין סיביר" באַשריבן די מלוכישע פּלענער צו אַנטוויקלען די געגנט. דערהויפּט האָט ער געהאַלטן אַז דער געדאַנק וועגן גרויסאַרטיקער בוי איז נישט קיין נײַער, וויבאַלד "אין סאָוועטישע צײַטן האָט סיביר באַגריסט הונדערט-טויזנטער יונגעלײַט וואָס זענען געקומען באַגײַסטערטע פֿון אומעטום איבערן לאַנד" און וואָס "זענען פֿאַרבליבן דאָ צו אַרבעטן, קומעדיק פֿון די מערבֿדיקע שטחים פֿון בעלאַרוס, אוקראַיִנע, קאַווקאַז, דער וואָלגע-געגנט און מיטן-אַזיע".

הײַנט איז ראָמאַן סקיצי 75 יאָר אַלט. ער דערמאָנט זיך זײַן אײַנטריט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט: "דאָרטן איז געווען אַן אַזוי-גערופֿענער ערשטער אָפּטייל. איינמאָל אַלע זעקס חדשים איז דאָרטן געזעסן אַ קג"ב אָפֿיצער, און ס'איז געווען אַ מין "שפּיל", אַ געוועט. ער האָט געוווּסט ווער ס'איז געווען מײַן טאַטע. האָט ער אַלעמאָל געזאָגט: "פֿאַרוואָס האָבן טאַטע-מאַמע זיך איבערגעקליבן אַזוי ווײַט אַוועק פֿון לעמבערג?" נו, דער מוסטער-ענטפֿער איז געווען: "זיי זענען געווען אַזוי באַגײַסטערט פֿון דער סאָוועטישער פֿירערשאַפֿט, האָבן זיי געוואָלט גיין בויען קאָמוניזם." קלאָר אַז דאָס איז געווען באָבקעס, שטותים, פּוילע רייד. נאָר אַזוי האָט מען גערעדט." אין דער אמתן איז ראָמאַנס טאַטע

געוועז פֿאַרשלעפּט אין די גולאַ"ג לאַגערן; ער און זײַן מאַמע, אַזוי ווי אויכעט באָבע-זיידע, זענען דעפּאָרטירט געוואָרן צום רוסישן ווײַטן מיזרח. אַ זעקסטל פֿון די פֿאַרשלעפּטע פֿון מערבֿ-אוקראַיִנע זענען דאָרטן פֿאַרבליבן. סײַ פֿאַר די סאָוועטן-פֿירער, סײַ פֿאַר דער מאָדערנער רוסישער מלוכה בלײַבן די עקסטע מיזרחדיקע שטחים דער ערשטיקער ציל פֿאַר דער אויפֿגעצוווּנגענער איבערשלעפּונג פֿון אוקראַיִנער.

טאַטע-מאַמע,זיווג, קינדער, שווער און שוויגער, שוועסטער און ברידער, מומעס, פֿעטערס: אויב דער רעזשים האָט דיך געהאַלטן פֿאַר אַ שׂונה, זײַנען אַלע דײַנע קרובֿים געוואָרן פּאָטעציעלע שׂונים. די היסטאָריקערין טאַמאַראַ וורענסקאַ רופֿט אָט די טווּנג: "נעמען משפּחות פֿאַר ערובֿניקעס".

די רשימות פֿון מענטשן באַשטימטע צו דעפּאָרטאַציע האָט מען צוגעגרייט בסוד-סודות. די מאַכט איז אַרײַנגעבראָכן אין די דורות בײַנאַכט אָדער בײַם שאַריִען אויף טאָג. מע האָט געגעבן אַ פּאָר שעה צו נעמען די אייגענע זאַכן, קוים צײַט אויף אײַן צו פּאַקן דאָס סאַמע נייטיקסטע. אַלץ אַנדערע איז געוואָרן איבערגעשלאָגן, קאָנפֿיסקירט. ס'רובֿ זענען תּיכּף פֿאַרשלעפּט געוואָרן, נאָר נאָכן סוף 1948 י. האָט מען זיי קודם גענומען אין איבערפֿיר-פּונקטן, ווּ מע האָט זיי צו מאָל געהאַלטן חדשים לאַנג. פֿון דאַנען זײַנען זיי געפֿירט אין משׂא-וואַגאָנען, וואָס מע האָט פֿאַרשטעלט מיט ווערטער ווי: *ווייצן*, *פֿרײַוויליקע*, אָדער פֿיך. דער וועג צו דער ענד-סטאַנציע איז געווען לאַנג און אָפּמאַטערנדיק. צוליבן אויספֿעל פֿון מעדישער פֿאַרזאָרגונג, צוליב קעלט און הונגער האָט ניט יעדער איינער איבערגעלעבט די נסיעה.

בײַ די נײַ-אָנגעקומענע האָט מען צוגענומען די פּערזענלעכע דאָקומענטן, פֿאַרביטן זיי מיט באַזונדערע קאַרטלעך. פֿון דעמלט אָן זענען זיי געוואָרן "ספּעציעלע קאָלאָניסטן". ס'איז געווען פֿאַרווערט צו פֿאַרלאָזן דעם יִשובֿ. פֿון 1950 אָן האָט מען זיי געגנייט אונטער צו שרײַבן אַ "פֿרײַוויליקן צושטים" אויף אַ לעבן-לאַנגער פֿאַרשיקונג. מע האָט געקאָנט קריגן 20 יאָר תּפֿיסה פֿאַרן אַנטלויפֿן. מע האָט מענטשן צוגעטיילט צו אַן אונטערנעמונג, דערהויפּט בערגערײַ (מינערײַ) און וועלדערײַ. אַרבעט איז געווען אַ מוז-זאַך. אויסמײַדן האָט מען געקאָנט באַשטראָפֿן מיט אַכט יאָר טורמע. די קערפּערלעך שוואַכערע האָט מען געשיקט אין קאָלעקטיווע פֿערמעס. די וואָס האָבן בכלל ניט געקאָנט אַרבעטן האָט מען באַטראַכט ווי אָפּהענגיקע. זיי האָבן נאָך וויציקער באַצאָלט געקראָגן. אירינאַ, ראָמאַן סקיצקיס מאַמע, האָט געשריבן אין אַ בריוו צום טאַטן אין לאַגער: "איך בין נאָר שרעקלעך פֿאַרקלעמט וואָס איך קען דיך ניט העלפֿן. שטעל דיך פֿאָר, איך האָב שווער געהאָרעוועט איבערן טראַקט. האָב איך געמיינט כ'וועל כאָטש פֿאַרדינען לכל-הפּחות צו 10 רובל אַ טאָג. שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז בלויז 2,50 אַ טאָג. און כ'האָב 8 טעג געאַרבעט מער-ווינציקער אומזיסט. קאָן איך מיר אַפֿילו ניט קויפֿן קיין מאַנטל, קיינע הויזן."

איינע פֿון די צילן פֿון די סאָוועטן-דעפּאָרטאַציעס איז געווען די שפּראַכלעכע און קולטורעלע אַסימילאַציע. באַזונדערס איז דאָס געווען חל אויף קינדער. זיי האָבן געקענט צוקומען בלויז צו רוסיש-שפּראַכיקער שולונג. האָבן זיי באַדאַרפֿט זיך צופּאַסן.  וויוויל מע האָט גערעדט אוקראַיִניש אין דער משפּחה, האָט מען געדאַרפֿט זיך איבערשטעלן אויף רוסיש אויפֿן שוועל. די אידעאָלאָגישע אָנלערנונג האָט געפֿאָדערט פֿון קינדער אָנטייל צו נעמען אין קאָמוניסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציעס. מאַרטאַ וועדענסקאַ, וואָס איז אין עלטער פֿון 12 יאָר געווען פֿאַרשיקט, דערמאָנט זיך ווי זי איז אײַנגעשפּאַרט געוואָרן מיט אירע מיטשילער אין אַ שול אין טאָמסקער אָבלאַסט און געצוווּנגען זיי זאָלן אַרײַן אין אַ פּיאָנערישער גרופּע, ביז וואַנען אירע עלטערן האָבן אָנגעמאַכט אַ סקאַנדאַל און אַוועקגענומען זייערע קינדער.

שולונג איז אָבער געווען אַ פּריווילעגיע, נישט די נאָרמע. דורכן דוחק אין קליידונג, באַשוכונג און טעקסטביכער, צוליב קרענק און ניט־דערשפּײַזטקייט איז אַ דריט חלק פֿון די קינדער ניט געגאַנגען אין שול אַרײַן. אַ סך קינדער האָבן געדאַרפֿט אַרבעטן אין איינעם מיט די דערוואַקסענע, בײַם האַקן האָלץ, גראָבן קוילן, בויען פֿאַבריקן, און  בײַם וועגבוי. די וואָס האָבן יאָ באַוויזן פֿאַרענדיקן די שול

האָבן ניט געהאַט קיין צוטריט צו העכערער בילדונג צוליב דעם רײַזע-פֿאַרבאָט. אַפֿילו נאָך זייער פֿאָרמעלער באַפֿרײַונג זײַנען באַשטימטע לימודים ניט געווען צוטריטלעך פֿאַר זיי.

פֿרויען זײַנען געווען כמעט אַ העלפֿט פֿונעם סכום דעפּאָרטירטע. דאָס איבערלעבן פֿון דער משפּחה איז צום מערשט געווען געווענדט אין זיי: די זאָרג פֿאַר קינדער און עלטערן, זיך פֿאַרנעמען מיטן עסן, קליידונג און וווינונג. און דאָס אַלץ ווי אַ צולאָג צו דער טאָג-טעגלעכער שווערער אַרבעט-האָרעוואַניע מיט איבער-שעהען. אויב דאָס איז נאָך ווייניק, זענען זיי געווען אונטער דער געפֿאַר פֿון סעקסועלער באַלעסטיקונג דורך דער זאַוואָד-פֿירונג, ייִשובֿ-באַאַמטע און אָרטיקע מענער. אַזוי האָט דער פֿירער פֿונעם אָרטיקן פּאָסטאַמט זיך געטשעפּעט צו אירינאַ סקיצקאַ. אַ לאַנגע צײַט האָט זי גאָרניט באַקומען קיין בריוו פֿון איר מאַן דעם לאַגערניק. האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די בריוו זענען ניט אָנגעקומען צו איר וואָרעם דער הויפּט פּאָסט-באַאַמטער האָט זיי איבערגעכאַפּט.
ער האָט איר פֿאַרזיכערט אַז איר מאַן לעבט שוין ניט און האָט אָנגעבאָטן זי צו נעמען פֿאַר אַ ווײַב. די היסטאָריקערין טאַמאַראַ וראָנסקאַ דערציילט וואָס די מאַכט האָט טאַקע געמוטיקט צו שאַפֿן נײַע משפּחות. מע האָט צוגעזאָגט אַ שטיקל ערד און אַ הלוואה אויף צו קויפֿן בוי-מאַטעריאַלן, מיט דער כוונה, מע זאָל בלײַבן אויף שטענדיק. אַזעלכע זיווגים זײַנען אָפֿט ניט געווען אויס ליבשאַפֿט. פֿאַרקערט, דער זיווג איז געוואָרן אַ מיטל אויף איבערלעבונג.

צעלאָזן מענטשן אינעם ים פֿון אַנדערע נאַציעס איז נאָך אַן אַנדער מין אַסימילירונג. אַנדערע בגוואַלד פֿאַרשלעפּטע פֿעלקער-גרופּעס פֿון מערבֿ-אוקראַיִנע זענען געווען דײַטשן, פּאָליאַקן, ליטווינער, עסטן (עסטאָנער), לעטן, קרים-טאָטערן און נאָך, חוץ דער לאָקאַלער באַפֿעלקערונג. וועגן דעם נעגאַטיוון, סאָוועטישן פּראָפּאַגאַנדע-בילד פֿון די "באַנדעראַ באַנדיטן", האָט מען אויף די דעפּאָרטירטע געקוקט מיט חשד און מורא. כאָטש נאָך אַ ווײַלע האָבן די באַציִונגען זיך געבעסערט, נאָר אוקראַיִנער האָבן זיך געהאַלטן אין איינעם. אַזוי האָבן זיי געפּרוּווט האָבן חתונה צווישן זיך, אָפֿט מיט זווגים פֿון דער אייגענער געגנט אָדער אַפֿילו פֿונעם אייגענעם דאָרף.

דאָס אָפּהיטן די אייגענע קולטור האָט ניט בלויז אויפֿגעהאַלטן דעם מאָראַל פֿון די "ספּעציעלע קאָלאָניסטן", ס'איז געוואָרן אַ כּוח וואָס פֿאַראייניקט, אַ מין ווידערשטאַנד. מען איז צונויפֿגעקומען פּראַווען חגאָות און זיך אָנטאָן מיט טראַדיציאָנעלע קליידער. מע האָט אײַנגעשטעלט כאָר- און דראַמגרופּעס, מוזיק-קאַפּעליעס. אַזעלכע אויפֿטועו האָבן אָבער ניט געקאָנט גיין איבער דער מאָס פֿון אַמאַטאָרן-קונסט, וויבאַלד מע האָט זיי שטענדיק קאָנטראָלירט און אָפּצענזורירט. אַלץ וואָס האָט געקאָנט דערוועקן דעם מינסטן חשד האָט געקאָנט גורם זײַן די באַשולדיקונג אין "קעגן-סאָוועטן-פּראָפּאַגאַנדע" און אַרײַנזעצונג אין אַ לאַגער. ראָמאַן זשעפּלינסקיִ און זײַן ברודער האָבן אַוועקגעשטעלט אַ באַנדורע-קאַפּעליע, אין סיביר. האָט דער סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע אים געוואָרענט, אין אַן אומפֿאָרמעלן שמועס, אַז "סע גייען קלאַנגען" וועגן צוגרייטונג פֿון באַנדורע שפּילער צו אַ שעווטשענקאָ- (גרעסטער אוקראַיִנישער דיכטער) פֿײַערונג, כאָטש דעם פּאָעטס ווערק זײַנען געווען פֿאַרווערט אָדער נאָך אַלץ פֿאַררעכנט פֿאַר "נאַציאָנאַליסטיש". דער פּאַרטיי-פֿונקציאָנאַר האָט געבעטן ניט אויס צו זאָגן וועגן דעם שמועס, האָט אָבער געגעבן די "פֿרײַנדלעכע עצה" ניט אָפֿיציעל אַרויס צו טרעטן מיט אַזעלכענע לידער אינעם קלוב. אויב יאָ, וואָלט געווען אַ ריזיקע אַז די שפּילערס וואָלטן ווערן אַוועקגעשיקט צו פֿאַרשיידענע "ווײַטינקע ערטער". נאַדיִיאַ לאָהאָזאַ האָט יאָ געהאַט אַזאַ גורל פֿון אַ דעפּאָרטירטע. פֿאַרשיקט צו דער אַמור-געגנט. דאָרטן האָט זי געזונגען און רעציטירט אוקראַיִנישע לידער מיט אַנדערע יונגעלײַט. האָט מען איר געמסרט, איז זי אַרעסטירט געוואָרן און פֿאַרשיקט אויף פֿינעף יאָר אין אַ גולאַ"ג לאַגער.

די הײַנטיקע גרויס-פֿאַרנעמיקע רוסיש-אוקראַיִנישע מלחמה שטעלט אַרויס אין גאַנצן נײַע פּאָדערונגען. פֿון דעסטוועגן מעגן היסטאָרישע משלים, פּאַראַלעלן, זײַן באַהילפֿיק אויף צו פֿאַרשטיין דעם אונטערשלאַק פֿון רוסלאַנדס איצטיקע שלעגערישע, רציחישע מעשׂים. די איבערלעבונג פֿון די סאָוועטישע מאַסן-דעפּאָרטאַציעס האָט מען זייער פֿאַרשידנאַרטיק איבערגעקלערט און דערמאָנט: פֿאַר דער אוקראַיִנע ווי אַ טראַגישע פֿאַרגאַנגענהייט; פֿאַר רוסלאַנד רופֿן זיי אַרויס אַ נאָסטאַלגיע צו דער מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען פֿאַקוואָרפֿענע קאַנטן פֿון איר רײַך.

ס'רובֿ קרבנות פֿון די סאָוועטישע מאַסן-פֿאַרשלעפּונגען פֿון דער מערבֿ-אוקראַיִנע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים גלײַך ווי זיי האָבן עס געקענט. דאָס איז געווען מעגלעך אַ דאַנק דעם שטילן ווידערשטאַנד קעגן דער אַסימילאַציע-פּאָליטיק. פֿאַרוואָס איז דאָס וויכטיק דווקא הײַנט? וואָרעם דאָס דערמאָנט אונדז אַז, כאָטש די גוואַלד-מעשׂים זײַנען די אייגענע, געפֿינען מיר דאָך אַלץ אופֿנים זיך אַקעגן צו שטעלן.

18טער מײַ, 2022 י.

*אָט דער טעקסט נעמט אַרײַן פֿראַגמענטן פֿון געשיכטע-בעל-פּה אינטערוויוען דורך דער בירגער-גרופּע "נאָכן שטילשווײַגן" After Silence / Після тиші אין 2021-2022 מיט מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט די סאָוועטישע מאַסן-דעפּאָרטאַציעס; אַזוי ווי אויכעט מאַטעריאַלן פֿון טאַמאַראַ ווראָנסקאַ'ס ניט פּובליקירטער מאָנאָגראַפֿיע "דער אומזיכערער קאָנטינ(ג)ענט: דעפּאָרטאַציעס פֿון דער מערבֿדיקער אוקראַיִנע אין 1944-1953. טאָגטעגלעך לעבן; קריקקער."*